# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

תלמוד תורה
**היכל הקודש**
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
**בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א**

פרשת תצווה תשפ"ב

בס"ד

### נייעס אין חדר

**מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי**

'וואס איז בעסער די תורה אדער גאלד?' אויף די שאלה וועט יעדער אינגל פון גאס וויסן צו ענטפערן 'די תורה', דאס איז טאקע א גרויסע זאך, אבער דאס איז נישט קיין חידוש, אלע אידישע קינדער ווערן מחונך אז די תורה איז די בעסטע סחורה, אבער אין חדר היכל הקודש זעט מען נאך מער פון דעם, די קינדער זאגן נישט נאר אז תורה איז די בעסטע סחורה, נאר זיי לעבן מיט דעם, די קינדער באקומען ב"ה די תורה אויף א מוירא'דיגע שיינע וועג אז זיי גלוסטן באמת צו די תורה, זיי האבן עס באמת ליב, זיי האבן ליב דעם נותן התורה - דעם אייבערשטן, זיי רעדן, טראכטן און לעבן טאג און נאכט מיטן אייבערשטן, עס איז נישט מעגליך צו הערן א שמועס צווישן צווי קינדער פון חדר אן צו הערן צענדליגע מלא 'אייבערשטער', ברוך ה' אז דער מלמד לייגט אריין אין זיי די זיסקייט פון לערנען, די געשמאק פון זיין א איד, די שיינקייט פון אידישקייט, אזוי שטארק גייט עס אז פאריגע וואך ווען עס האט געשנייט אין ירושלים און איינע פון די קינדער פון חדר האט זיך געשפילט מיט די שניי נעבן זייער שטוב און איינער האט אים געפרעגט צו ער האט 'ליב' אז עס שנייט, האט ער געענטפערט מיטן גאנצן תמימות 'איך האב ליב דעם אייבערשטן', נישט אבי געזאגט נאר מיט א אמת, די קינדער ווערן מחונך מיט א געפיל צו תורה ומצוות, מיט א ריינקייט און מיט א תמימות,

**תורת ה' תמימה משיבת נפש**

### געסט אין חדר

**גבאי פון קרית יואל**

די וואך האבן אונז געהאט די זכיה אז דער גבאי פון היכל הקודש בלומינגראוו מוה"ר בערל לאווי הי"ו איז געקומען באזוכן די חדר, ר' בערל האט מחזק געווען די הנהלה אין ירושלים, פארציילט און איבערגעגעבן אביסל פאר די הנהלה ווי אזוי עס פירט זיך די מוסדות אין קרית יואל און אין אנדערע שטעט.

ר' בערל איז זייער נתפעל געווארן פונעם חדר ווי שיין מען איז מחנך די קינדער און ווי שיין מען לערנט מיט זיי.

### געלערנט די וואך

**שמן זית זך כתית**

אין די וואכעדיגע פרשה הייסט דער אייבערשטער פאר די אידן צו נוצן שמן פאר די הייליגע מנורה, לויטערע שמן, ריינע שמן, מען קען נישט נוצן פאר די מנורה שמן וואס איז נישט ריין, שמן וואס איז נישט לויטער, די זעלבע זאך א איד וואס וויל ברענגען צום אייבערשטן ער וויל זיין נאנט צום אייבערשטן דארף ער זיין לויטער, ריין און ציכטיג, און אויב א מענטש האט זיך פארזינדיגט פאר אייבערשטן דארף ער תשובה טון און לערנען אסאת משניות און גמרא כדי צו רייניגן זיין נשמה, ער זאל זיין לויטער ריין פארן אייבערשטן, ווייל מען קען נישט ווערן נאנט צום אייבערטן ווען אלע עבירות קלעבן נאך אויפן מענטש, מען מוז זיך גוט אויסוואשן און רייניגן כדי מען זאל קענען אמת'דיג דינען דעם אייבערשטן

### פארציילט די וואך

**אייזיק פיש כאפער**

די וואך האט מען פארציילט די מעשה פון 'אייזיק פיש כאפער' וואס פלעגט זיצןביים טייך און כאפן פיש, איין טאג האט אים איינער געפרעגט "פארוואס זיצסטו און דו כאפסט יעדן טאג אפאר איינציגע פיש און קוים וואס דו פארדינסט עפעס, בעסער זאלסטו דינגען עטליכע ארבעטער וואס וועלן דיר העלפן כאפן אסאך פיש, און דו וועסט פארקויפן די פיש, וועסטו פארדינען פיל מער פון וואס דו פארדינסט היינט". האט אים אייזיק געפרעגט: "וואס וועל איך טון מיט די געלט וואס איך פארדין?" זאגט ער אים: "דו וועסט קענען לעבן א רוהיגע לעבן אן קיין דאגות", פרעגט אים אייזיק "וואס וועל איך טון ווען איך וועל שוין נישט האבן קיין דאגות" ענטפערט ער פאר אייזיק "דו וועסט קענען זיצן ביים וואסער רוהיג און הנאה האבן פון די געשמאקע לופט". זאגט אים אייזייק "נו, דאס וואס איך טו יעצט" איך זיץ מיר ביים וואסער און איך האב הנאה פון יעדע מינוט. די זעלבע זאך איז מיטן לעבן פון א מענטש, א מענטש וויל פארדינען, ער וויל טון און מאכן, אלעס כדי ער זאל קענען הנאה האבן פון זיין לעבן, ער איז מפקיר זיין לעבן, זיין ווייב און זיין תורה אבי ער זאל קענען פארדינען און הנאה האבן, אבער ער כאפט נישט אז אויב לעבט ער מיטן אייבערשטן, מיט די תורה און מיט די צדיקים קען ער שוין יעצט האבן א רוהיגע שיינע לעבן, ער דארף נישט אוועקגעבן זיין לעבן, די תורה איז אזוי זיס אסאך מער זיסער פון די גרעסטע עשירות.

### מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר געבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבין און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר געוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

**אלע קינדער מיטן מלמד** - די הייצונג אין חדר האט נישט גוט געארבעט. עס איז געווען זייער קאלט און מען האט זיך נישט געקענט דערווארעמען, האבן אונז געבעטן דעם אייבערשטן אז די הייצונג זאל גוט ארבעטן, און ש'כח אייבערשטער אז דער רבי האט עס גוט ריין געמאכט און עס האט אנגעהויבן ארבעטן גוט און דערווארעמט די כיתה

**מרדכי פערל** - דער רבי טיילט אונז פון מאל צו מאל צוקערלעך, און אין די פעקל צוקערלעך איז דא גרויסע צוקערלעך און קליינע צוקערלעך, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען דער רבי וועט מיר געבן א צוקערל זאל עס זיין א גרויסע צוקערל, און ש'כח אייבערשטער, דער רבי האט מיר געגעבן א גרויסע צוקערל.

**רפאלי פאפנהיים** - מיין האלז האט מיר זייער ווי געטון, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל מיר אויפהערן צו ווייטון, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט מיר אויפגעהערט צו ווי טון.